UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
In Der Mekhitse Fun Dem Heylikn Berditshever (In the Religious Partition of the Holy Berdichever Rabbi)

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6bn9r3ww

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

## Author
Meytlis (Maitlis), Yankev Y. (Jacob I.)

## Publication Date
1979

## Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד"ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# אין דער מחיצה פון דעם הייליקן בערדיטשעווער

לכּבוד ר' אברהם גאָלאָמב צו זיין יובל.

חסידים פלעגן דערציילן, וויפל התעוררות, תענוג און פרייד האָט אַ ייד אַמאָל געפילט אין דער מחיצה פון דעם הייליקן בערדיטשעווער, בפרט אין דעם באַגנדיק־פאַרבענקטן פאַרנאַכט פון דעם אָוועקגייענדיקן שמחת־תורהדיקן יום־טוב. דער בית־מדרש, געפּאַקט מיט אַ גרויסן עולם חסידים, יראים ושלמים, האָט אָפּגעהילכט פון דבקותדיק־צעוועקטע געזאַנגען און התלהבותדיקע טענץ. אין דעם בין־השמשות פון טאָג האָבן צעשוויבערטע חסידים מיט צעכראַסטעטע העמדער און צעקנעפּלטע קאַפּאָטעס, די אויגן פאַרגלאָצט, זיך כסדר, אָן אויפהער, געוויגט אין אַ צעפלאַמטן קאַראַהאָד פון פריילעך־אויפגערוימטע טענץ. וואָס לענגער עס האָבן אָנגעהאַלטן די פאַרדבקותדיקטע טענץ, וואָס מער האָט זיך צעשטורעמט דער חדווהדיק־פאַרבענקטער געזאַנג פון דעם צעשטראַלטן עולם־יידן. דער אויפברויז אין די צעוואָרעמטע התעוררות איז געוואָרן אין לשער. איינגעקייטלטע און איינגעשלונגענע אין איין צעוויגטן, מאַסיון גוף, בעמען זיך התרוממותדיקע יידן געזעגענען און אַרויסבאַגלייטן דעם ליכטיקן תורה־יום־טוב אין זיינע לעצטע רגעס.

דערוויל איז דער חסידישער עולם אינעם בערדיטשעווער בית־מדרש אַריינגעטאָן מיט אַ צעהוליעטער פרייד און אַ צעהיצטער תשוקה צו דער אייביקער ליכטיקייט פון דער תורה. אויפגעברויזט און אויפגערוימט זינגט מען מיט כלות־הנפשדיקער בענקשאַפט דעם „שישו ושמחו בזאת התורה", און מען כאַפּט אונטער מיט אַן אַנדער לוסטיק זמרל. האָפערדיק־הילכיק דאַנקט מען דעם בורא פאַר זיין גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט יידן און זיי געגעבן די תורה, די קרוין פון פאָלק ישראל אויף אייביקע צייטן.

דער חלל פון בית־מדרש איז אָנגעפילט מיט הוילער רוחניות וואָס שטראָמט מיט חסד און רחמים פון די אייבערשטע ספירות, און דער פאַרדבקותדיקער עולם חסידים גייט אַרויס, זינגענדיק און טאַנצנדיק, מקבל פּנים זיין די שכינה אין איר אייביקן גלאַנץ און אין־סופיקער שטראַליקייט. מען וויל דעם יום־טוב אָנהאַלטן מיט כוח.

דרויסן אָבער שטייט אַ גרויע, שווערע וואָכעדיקייט פאַר דער טיר. דער הימל, אַ שווער פאַרוואָלקנטער, קוקט בייז אַראָפּ אויף דער ערד. האַרבסטיקע ווינטן בלאָזן האַסטיק פון אַלע זייטן און אַ נאַס־קאַלטער רעגן קלאַפּט אָן אויפהער אין די שויבן פון דעם אָנגעפּאַקטן צעהיצטן בית מדרש. עס איז די ערשטע בשורה פון דעם אָנקומענדיקן ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן, אַ פאַרזאָרגטן דלות אין די יידישע שטובן, וואָס רופט פאַמעלעך אַרויס אַ לייכטן ציטער אין די יום־טוב־דיקע הערצער. עס איז שוין איצט געקומען די צייט אויפצוהערן מיט דער געהויבענער פריילעכקייט און תורה־שמחה. אין דער טיר קלאַפּט שוין אַ קאַלטע האַמעטנע וואָכעדיקייט, אַ טעמפּער חול מיט זיינע ביטערע דאגות און גרויסער פאַרלוירנקייט. וועלן יידן זיין ביכולת צו ביישטיין דעם נסיון פון בלייבן גאַנץ?

לעת־עתה האָט אָבער דער גרויסער פריידיק־צעשטראַלטער עולם נישט געוואָלט נאָכגעבן, זיך נישט געוואָלט איינהערן צו דעם אָנזאָג פון אַ גרויען מאָרגן. יידן זיינען מאמינים, זיי האָבן בטחון, און אַזוי גייט ווייטער אָן דער פייערדיקער ריקוד מיט זיין צעברויזטן געזאַנג, וואָס רייסט זיך צו די הימלען. מען שטאַרקט זיך מיט אַלע כוחות, און אָנהאַלטנדיק פעסט איינער דעם אַנדערן, גייט מען נישט אַרויס פון דעם ליכטיק־כישופדיקן עיגול. זאָל דער יום־טוב מיט זיין קדושה און פרייד פאַרוויילן אַ קאַפּעטשקע, אייידער עס רייסט זיך אַריין די פאַר'מרה־שחורהטע וואָכעדיקייט מיט איר אומרו און אומעט.

אָבער בשעת די אויפגעלייגט־צעפּיי־ערטע חסידים האָבן געטאַנצט און געזונגען לכבוד דער תורה, איז דער הייליקער בערדיטשעווער, דער גרויסער אוהב־ישראל און מליץ־יושר פאַר זיין פאָלק, געזעסן צווישן זיין עולם, איינגעטוליעט אין זיך, מיט זיין ספּאָדעק טיף איבער זיין גרויסן שטערן, און אַריינגעטאָן אין מחשבות. עפּעס אַ באַהאַלטענע אומרו און אַ ווייטאָג האָט טיף גענאָגט אין האַרץ. ער פילט אַ ביז גאָר שווערע משא אויף זיין געמיט. ר' לוי יצחק, דער דערבאַרעמדיקער, פילט בחוש ווי עס טוט זיך פון אים אָפּ די גרויסע פרייד און עליה וואָס ער האָט געהאַט אין די ליכטיק־צעשטראַלטע ימים־טובים, מיט זייערע הויכע, טיף־האַרציקע תפילות און די דערהויבענע מצוות פון סוכה און לולב, אויף וואָס ער האָט אַרויסגעקוקט אַ לאַנגע צייט מיט גרויס בענקשאַפט און אַ פּנימיותדיקן ציטער. ווי קען ער זיך איצט שיידן פון אַט דעם גרויסן,הייליקן ליכט אין די פאַרגאַנגענע טעג און וואָכן, און אַריין אין אַ טעמפּן, חושכדיקן חול, אָן עליה און עונג יום־טוב, אָן אַ פריידיק ליכטל אויף זיין וועג?

אַ פאַרדאגהטער זיצט ער אין דעם יום־טובדיקן בין־השמשות און מאַכט זיין חשבון־הנפש. וואָס איז ער שוין און מיט וואָס קען ער העלפן זיין פאַראָרעמט, צעבראָכן פאָלק ישראל? ווו איז דאָס נייע ליכט וואָס זאָל באַלייכטן זייער פאַראומערטן, פאַרחושכטן גאַנג אין דער וועלט? זיצט ער, ר' לוי יצחק, אַ פאַרקלעמטער אין דער געדיכטער עדה פון זיינע חסידים, ווילע, טייערע יידן, בנים למקום, וואָס פרייען זיך אַזוי בטחון־האָפעדיק מיט דער תורה, די קרוין פון עם ישראל אין דער וועלט. שטייען זיי אָבער ווי אַ סטאַדע שעפּסלעך אַרומגערינגלט פון בייזע, אימהדיקע וועלף, וואָס ווילן זיי חלילה פאַרצוקן. ווי קען דער מענטש, דער בחיר היצירה דאָס אַלץ פאַרטראָגן, מקבל באהבה זיין, אָן אַ חשבון־הנפש, אָן אַ טיפן ציטער אין זיין צעטרייסלט האַרץ? ווו איז דאָס ליכט וואָס ער קען פון דאָס ביי באַווייזן זיין פאַרצרהט פאָלק, און ווו איז דער סוד פון דעם לאַנגן גלות און דער ישועה וואָס איז אַלץ נאָך נישט געקומען?

זיין האַרץ קאַרטשעט זיך פון אַ שטומען וויי־געשריי פון דורות יידן. און בשעת ער איז אַריינגעטאָן אין זיינע טראַכטענישן וועגן יידן אין דער וועלט, קנייטשט זיך זיין ליכטיקער שטערן, און ווי באַפאַלן פון אַ פלוצעמדיקער מורא מיניעט דער טיפער גלאַנץ פון זיינע אויגן. איז ער חלילה אַריינגעפאַלן אין אַ מצב פון נפילת המוחין, פון אַ ירידה אין זיין נפש, ווען דער בעל־דבר, דער אייביקער מסית ומדיח, רייסט זיך צו האָבן אַ שליטה איבער אים און אַלץ אין דער וועלט דרויסן? ער פילט די פאַרקלעמעניש אין זיין געמיט, דאָס האַרץ איז נישט שווה־בשווה מיטן מוח. אַוודאי האָט ער טענות צום כביכול, זיין צערודערונג איז גרויס, פאַרט אָבער איז ער אַ בטוח אין דעם חסד און רחמים פון דעם אין הימל. וואָס ווייסט, וואָס פאַרשטייט שוין אַ נישטיק קליין מענטשעלע ווי ער, ר' לוי יצחק, פון די פאַרהוילענע און ניסתרדיק־ליכטיקע דרכים פון דער השגחה עליונה! עס איז אַן עולם ומלואה פון שטראַליק־מלכותדיקער שיינקייט און גלאַנץ, פון גרויסער ליבשאַפט און אין־סופיקער גוטסקייט צו דער בריאה, אָבער מיט אַ שפּאָר ביסל ווידעראַנאַנדן, מיט דינין און קיטרוג, קענען חלילה פירן צו גזירות און פורעניות. מוז די וועלט זוכה זיין צו אַן אמתער סייעתא דשמיא און אויף דעם קוקט טאַקע אַרויס דער בערדיטשעווער אין זיין צעשטורעמט האָפעדיק האַרץ אין יעדער רגע פון זיין לעבן!

ווייסט ער, ר' לוי יצחק, אַז אַ ייד, אַ זון פון דעם עם־קדוש, מוז גוברזיין די טומאה אויף דער זינדיקער ערד שטאַרקן זיין בטחון, אַנטוועקן זיין פאַרחלשט האַרץ צו נייע, גרויסע פעולות, כדי אַרויס גאַנצערהייט פון דעם שווערן נסיון. דערפילט ער טאַקע באַלד אַ פנימיותדיקע התחזקות און עס דערוועקן זיך אין אים פרישע, צאַפלדיקע כוחות פון טיפער אמונה אין השם יתברך און אַ גדלות המוחין, מיט וואָס ער קען איינעמען אַ וועלט. אַן אויסערגעוויינלעכע וואַרעמקייט, פאַרבונדן מיט אַ טיפער ליבשאַפט צום כלל ישראל שטראָמט אין אַלע זיינע אברים.

אַוודאי איז דער שליחותדיקער גורל פון יידן תמיד געוועזן אַ שווערער, אָבער

זיי האָבן בטוחות אין השם יתברך, אַז ער וועט זיי נישט פאַרלאָזן. האָבן מיר דאָך אַן אַלטן כלל: „כי את אשר יאהב יוכיח“, דווקא דעם וואָס גאָט ברוך הוא האָט ליב שטראָפט ער מיט אָנשיקענישן און פּלאָגן, כדי אים צו רייניקן און דערהייבן צו זיך, צו זיין אַן עם קדוש, אַ הייליק, אויסדערוויילט פאָלק. נישט געקוקט אויף אַלע צרות און יסורים, איז ער, ברוך הוא אַ טאַטע צו זיינע קינדער, אַ גרויסער בעל רחמים, וואָס היט יידן אָפּ פון אַלדאָס בייז, אַז זיי זאָלן האָבן אַ קיום. אפילו אין דעם איצטיקן בין־השמשות פון דעם פאַרגייענדיקן שמחת־תורה טאָג, מיט זיין גלאַנץ און גרויסער פרייד, שיינט נאָך וויטער אַראָפּ פון הימל אַ פאַרבאָרגן ליכט מיט חסד ורחמים פאַרן כלל ישראל, וואָס צעשטראַלט זיך מיט זיין אייביקן גלאַנץ, אין דער בחינה פון הוד שבהוד, איבער דער גאַנצער וועלט. פון דעם וועג וועט אים קיינער נישט אַראָפּפירן, זיין בטוחות איז גרויס. און אין דער פאַר׳הבדלהדיקער טונקלקייט פון דעם אַוועקגייענדיקן יום־טוב, דערזעט ער, ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו אין זיין צעפלאַמטן דמיון דאָס חנעוודיק־צעשיינטע ליכטל פון דעם וויטן אור חנוכה.

אַרויס פון עצבות און מיט אַ פרישער גרויסער שמחה דרייט ער זיך אויס צום עולם, ער וועט זיי דערציילן אַ שיין מעשהלע. נאָך הויערט אין דעם בית־מדרש־אַרום די קדושה פון יום־טוב, אָבער דער פריילעך ־צעזונגענער עולם־חסידים ווערט מיט אַמאָל אַנטשוויגן, און הערט זיך איין מיט סודותדיקער התעוררות צו די רייד פון הייליקן ייד. עס איז אַ משל, זאָגט ער, געגליכן צו אַ ייד, אַ דאָרפס־גייער וואָס האָט זיך אַמאָל פאַרבלאָנקעט אין אַ טיפן, פינצטערן וואַלד, נישט אַריין און נישט אַרויס. די הימלען זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט חשכותדיקע וואָלקנס, אַ קאַלטער רעגן האָט געטריפט פון די האַלב־פאַרוועלקטע ביימער און אַ שאַרפער, שפּיציקער ווינט האָט געבלאָזן פון אַלע זייטן. אַ דורכגענעצטער און אַ מידער שלעפּט זיך דער ייד און ווייסט נישט וווּאַהין זיך צו טאָן. עס איז נאָענט צו שקיעה, די נאַכט פאַלט פּאַמעלעך צו, באַלד וועט ער בלייבן אַן אויסגעשעפּטער און אַ פאַרלוירענער אין דער וואַלד־פינצטערקייט, עלנט און אַליין. ווער ווייסט צי עס זיינען נישט פאַראַן קיין חיות רעות אינעם וואַלד אָדער גאָר גזלנים וואָס וועלן אים חלילה דערשלאָגן? ער האָט אָבער בטחון, אַז השם יתברך וועט אים נישט פאַרלאָזן און אים אָפּהיטן אויף זיין פאַרלוירענעם וועג. איז דאָך גאָט אַ דערבאַרעמדיקער, וואָס פאַרלאָזט נישט אַ מענטש! און אַזוי גייט דער ייד וויטער, אַ מידער און אַן אָדורכגעקעלטערטער, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. אפשר וועט ער פאָרט נאָך צוקומען צו אַ יישוב פון מענטשן, אָדער דערזען אַ ליכטיק שיינדל אין אַן אָפּגעלעגן הייזל.

און ווי אַזוי ער גייט דורך דעם נאַסן, פינצטערן וואַלד מיט אַ שווער געמיט און אַ ציטער אין האַרץ, דערזעט ער מיט אַמאָל אַ באַהאַלטענעם שיין, וואָס ווינקט אים צו פון דער ווייטנס. זיין האַרץ שטעלט זיך אָפּ אויף אַ וויל און אַ פאַרהידושטער קוקט ער זיך אַרום אין דער פאַרלוירנקייט פון וואַלד. איז דאָס אַ נס פון זיין ליבן נאָמען, אָדער אפשר גאָר אַ פאַרבלענדעניש פון אַ מזיק, אַ נישט־גוטן, וואָס וויל אים פאַרשלעפּן ערגעץ־ווּ אין אַ תהום פון פאַרדאַרב און אַלדאָס בייז? ווער ווייסט וואָס פאַראַ פינצטערע כוחות עס בלאָנקען אַרום אין דער נאַכט־שטילקייט פון וואַלד, וואָס קענען חלילה מזיק זיין אַ מענטש!

פאַרלאָזט אים אָבער נישט זיין בטחון. ער שטאַרקט זיך צוביסלעך, נעמט צונויף אין זיך דאָס רעשט אויסגעמאַטערטע כוחות און גייט וויטער. ער איז אַ בטוח, אַז גאָט ברוך־הוא וועט אים נישט פאַרלאָזן אין זיין נויט. און אַז ער דערגייט נענטער, דערזעט ער אַ קליין ווינציק ליכטל, וואָס שיינט סודותדיק־שטיל אַרויס פון אַן אָרעם הייזל. ער בלייבט שטיין, אָטעמט אָפּ טיפער און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ בלייבט ער שטיין אַ וויל ביי דער טיר. ער פאַרטראַכט זיך, צי זאָל ער אָנקלאַפּן און אַריינגיין, איינשטעלן דאָס היות, טאָמער זיינען דאָרט פאַראַן חס־ושלום גזלנים, וואָס וועלן אים באַגזלען און דערנאָך חלילה הרגענען. אַן אימה באַפאַלט אים, וואָס זאָל ער אָבער פאָרט טאָן? בלייבן אין וואַלד, אַליין און

אַן עלנטער, אַ מאַטער און אַ דורכגעקעלטערטער, האָט ער מורא פאַר חיות רעות וואָס קענען אים באַפאַלן. האָט ער אָבער בטחון אינעם חסד פון השם יתברך, אַז ער וועט אים מציל זיין פון אַלדאָס בייז.

שטאַרקט ער זיך אין זיין אמונה, נעמט פרום די ציצית פון זיין לייב־סערדאַק אין די הענט אַריין, און מיט אַ שטילן ציטער אין האַרץ, קלאַפּט ער אָן אין דער טיר פון שטילן הייזל. באַלד דערהערן זיך טריט פון אינעווייניק, עס עפנט זיך אַ טיר און אין איר שטייט אַ מענטש מיט אַ פריינדלעך צוגעלאָזט פנים, און פאַרבעט אים אַריינצוקומען. אין שטיבל איז מחיהדיק וואַרעם און אַ שטילע ליכטיקייט איז צעגאָסן פונעם צעשיינטן, גראָשנדיקן ליכטל.

אין דעם הייזל וווינט דער וואַלד־וועכטער וואָס פרייט זיך צו האָבן ביי זיך אַ פאַרלוירענעם מענטש אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט. מיט וואַרעמע רייד נעמט ער אויף דעם פאַרבלאָנקעטן פרעמדן, טיילט מיט אים זיין ברויט און דערלאַנגט אים אַ הייסן טרונק. דער וואַלד־שומר איז מלא שמחה וואָס גאָט האָט אים באַשערט צו האָבן ביי זיך אין זיין אומעטיקער איינזאַמקייט אַ לעבעדיק נפש אײבער נאַכט. דער פרעמדער איז ביי אים אַ באמת אָנגעלייגטער גאַסט. בינו לבינו צעפלאַמט זיך נאָך אַ ביסל האַסטיקער דאָס קליינע שיינעוודיקע ליכטל, ווי מיט אַ באַזונדערן ברוך־הבא פאַר דעם זעלטענעם אורח. אַ דערוואַרעמטער און אַן אויפגעלייגטער דאַנקט דער פאַרוואָגלטער און פאַרזאָרגטער ייד השם יתברך פאַר זיין גרויסן חסד וואָס ער האָט אים באַוויזן און אים מציל געווען פון אַלדאָס בייז. דאָס פון דער וויטנס ברייט־צעשיינטע ליכטל האָט מיט זיין פאַרטונקלטן גלאַנץ באַלייכט זיין באַזאָרגטן שווערן וועג, אים באַצייטנס אויפגעריכט, מציל געווען פון אַ צרה און דערפרייט זיין פאַראומערט האַרץ.

אָט דאָס איז דער סוד פון אונדזער שיין מעשהלע, האָט צום סוף אויסגעפירט דער היילִיקער בערדיטשעווער. ווי שווער עס זאָל נישט אָנקומען די שיידונג פון די אַוועקגייענדיקע ליכטיק־צעשיינטע ימים־טובים, מיט זייער התעוררות און אור־תורה, טאָר דער ייד, חס ושלום, נישט אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה פון דאגות און עצבות. אדרבא, ער מוז אַריין אין חול אַ האַפטיק געשטאַרקטער און האָפערדיקער, און שוין באַצייטנס דערבליקן פון דער וויטנס דאָס סודותדיק־שטילע פלעמעלע פונעם נר־חנוכה. אין די שווערע, ביטערע טעג פון אונדזער גלות, שיינט אונדז אַנטקעגן דאָס חנוכה־ליכטל מיט זיין באַהנט־שטראַליקער וואַרעמקייט, גבורה און ישועה, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ פון אַ ייד מיט אַ נייער גרויסער שמחה, מיט פרישער התעוררות און אַ סך בטחון. דער נס־חנוכה באַוויזט אונדז בפועל ממש ווי גרויס עס זיינען די חסדים און ליבשאַפט פון השי״ת צו זיין פאָלק יידן.

דער מוסר־השכל פון דער שיינער מעשהלע, האָבן חסידים מוסיף געווען, דאַרף זיין, אַז אַ ייד מוז כסדר אָנגיין מיט התחזקות, גובר זיין עצבות, זיך נישט איבעריק דאגהן און שרעקן, נאָר זיין האַפטיק און דערהויבן, גיין קוממיותדיק, האָבן בטחון, און מלא שמחה צעצינדן דאָס נר־חנוכה אומעטום ווו עס לעבט נאָר אַ ייד, ווי אַ זכר לדורות פון גאולה און ישועה וואָס וועט נאָך קומען פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער וועלט בכלל.